Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראשען — היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 7 | Łódź, Piątek 8 stycznia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ"ט טבת תרצ"ב | № 7

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

אין טיפען טרויער שטייען מיר פאר דעם פרישען קבר פון אונזער רעדאקציע-קאלעגע און פריינד

## נ. ע. אברהם שרעזינגער

## (שר של אש)

וועלכער איז אומגעריכטערהייט אוועק פון אונז, דינעגריג ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבען דעם יודישען ווארט און געזעלשאפטליכקייט.

כבוד דעם אנדענקען פון א זעלטענעם חבר, פריינד און מענש!

**רעדאקציע און פערלאג „נייער פאלקסבלאט"**


## איינלאדונג צו דער גענעראל-פערזאמלונג

פון די גמילת-חסדים-קאסע ביי דעם גרינעם מארק № 7

## צו דער יעהרליכער גענעראל-פערזאמלונג

וועלכע קומט פאר זונטאג, דעם 17-יאנואר 1932, 5 נאכמ. אין אונזער אייגענעם לאקאל, ווערען אלע מיטגלידער העפליכסט איינגעלאדען.

אין פאל ביי א נישט גענוגענדע צאהל מיטגלידער קומט די פערזאמלונג פאר צום 2-טען טערמין אויף אין זעלבען טאג, אין זעלבען ארט פינקטליך 7 אווע"ד, און וועט זיך רעכנען געזעצליך ביי יעדער צאהל מיטגלידער.

סדר היום: 1) ערעפנונג; 2) וואהל פון א פארזיצענדען מיט דעם פרעזידיום; 3) בעשטעטיגען דעם פאריאהריגען פראטאקאל; 4) בעריכט פון טעטיגקייט און קאסע פון 1931; 5) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויף 1932; 6) וואהלען פון א פערוואלטונג מיט קאנדידאטען און א קאמיסיע רעוויזיע; 7) צו פאדערען מיר אויף געריכטליך די פערלעגענע חובות; 8) פרייע פארשלאגען.

175 — מיט דרך ארץ

די פערוואלטונג פון די גמילת-חסדים ביי דעם גרינעם מארק 7

בעמ. אום זיך צו בעשאפן יואל-רעכט בעטען מיר געפ. צו רעגולירן די ביטראגן



## בעקאנטמאכונג.

צוליב'ן יעצטיגען קריזיס האט דער

## באר „קארלטאן"

רעדוצירט די פרייזען פון מיטאגען

## ביז 1 זל. און 1.50 זל.

בעדינונג און געבעקס פריי

אווענט-ברויטען פליישיגע פון 4 געננ פון 80 גר. ביז 1.50

די קיך געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון אן ערשטקלאסיגען פאכמאן.

קאנצערט פון 7 א זייגער אז פון אלע לענדער.

מיט אכטונג „באר קארלטאן" שענקיעוויטשא 22, טעלעפ. 140 10 — 215



## בעקאנטמאכונג.



דערמיט מאך איך בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום, אז פון 15-טען דעצעמבער ד. י. האב איך ערעפענט אן ערשטקלאסיגען און עלעגאנטען

## הערען- און דאמען-

## פריזיר-סאלאן

אויף זשעראמסקיעגא 28

וואס ווערט אנגעפיהרט פון ערשטקלאסיגע פאכמענער. עמפעהלע עהריג זיך דער געעהרטער קונדשאפט, פערבלייב איך מיט אכטונג **א. ארבשטייל.**

בעמ.: צוליב'ן קריזיס צוגענגליכע פרייזען. אויסגעצייכענטער מאניקיר.



## צענטר. יוד. האנדוועקער-פערבאנד פילודניאווא 4

היינט, פרייטאג, דעם 8 יאנואר 1932, 8.30 אווענד קומט פאר

## א ליטעראריש-קינסטלערישער פאמיליען-אווענד

מיט דער בעטייליגונג פון לאדזער יונגען שריפטשטעלער

## ש. בערלינסקי

וועלכער וועט רעציטירען פון זיינע נייעסטע שאפונגען. עס נעמען אויך אנטייל מיטגלידער פון „לאדזער יודישען טעאטער-סטודיע", מיט איינאקטערס רעקלאמאציעס, מאנאלאגען או"וו.

208



Dr.

## HELLER

ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע קראנקהייטען און מענער שוועכע

נאווראט 2 טעל 79 89

נעמט אן ביז 10 פריה און פון 4—8 אווענד פאר פרויען ספעציעל פון 4—5 נ. כמיט פאר אונבעמיטעלטע

לעמשניצע-פרייזען.



Dr. med

## J. PIK

**Zeromskiego 36,**
tel. 175 50.
**Choroby nerwowe**
Spec. nerwice i cierpienia seksualne.
Przyjmuje od 5–7 w.



## אכטונג, דרוקעריי-בעזיצער אין לאדז

און אין לאדזער יואיעוואודזשטווע.

שבת, דעם 9. יאנואר 1932, פינקטליך 8 א זייגער אווענד אין זאל „ציטי" (זאוואדזקא 4) קומט פאר די

## פייערליכע ערעפנונג

## פון דער דרוקער-קארפאראציע

אלע דרוקעריי-בעזיצער ווערען אין זייערע אייגענע אינטערעסען געבעטען צו קומען.

טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א סטארשע, פאדסטארשעס און פערוואלטונג.

בעמערקונג: עס וועלען זיין פערטרעטען פארשטעהער פון דער מאכט.

מיט אכטונג

**די ארגאניזיר-קאמיסיע.** 144



## האוניברסיטה העממית

ע"י ההסתדרות הציונית בלודז

מחר בשבת 9/1, בשעה 9 בערב

תתקיים באולם ההסתדרות הציונית, שרודמייסקא 29

**הרצאה** בשפה העברית של הסופר העברי מר

## אלתר דרויאנוב

על הנושא: „היצירה העממית".-כרטיסי כניסה במחיר 20—30 גר. להשיג בלשכה הציונית 161



היינט, פרייטאג, דעם 8-טען יאנואר ד. י. 8 א זייגער אווענט קומט פאר אין לאקאל פון יודישען בעקער-צעך פילסודסקי 57

א רעפעראט פון ח' דאזאר **לעא פינקלשטיין** ווארשא

## א. ד. ט.: פאלשע און פערפירטע משיחים

(ראובני, שלמה-מולכו, שבתאי-צבי און יעקב פראנק)

טעזיס: פאליטישע אויפטרייסלונגען און משיחישע טרוימערייען — פערספעקטיוו און שאטן — ליבע און אסקעטיק — איבער יענער זייט פון גוטס און שלעכטס — דער קאנפליקט צווישען ראובני און מולכו — גזירות ת"ח — שפינאזע און שבתאי צבי — יעקב פראנק אין פלאמען פון הייליגע זינד — דער ציוניזם אלס מאדערנער גלגול פון אויפגעבלאזענעם מעסיאניזם - קווא-וואדיס? 188

בילעטן צו 50 גראשן אין לאקאל זשעלאנא 10 א, אין בעקער-צעך פילסודסקי 57



מפלגת הסבודה הציונית „התאחדות"

ציוניסט. ארבייטס-פארטיי

שעקעוויטשא 5|3 — 681

היינט, פרייטאג, 8.30 אין אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל א גרויסער

## פראטעסט-מיטינג

(אין צוזאמענהאנג מיט דער בעגרעניצטער צאהל סערטיפיקאטען) א.נ. „מיר פאדערן א חלוצישע עליה". ס'וועלען רעפערירען די ח"ח דר. ח. בערלאס, גאלדבערג, דר. נתן עק, און דר. ש. י. שיווינג.

שבת דעם 9 יאנואר 4 נ.מ. א גרויסע חברים-פערזאמלונג. יענען אקטועלע פאליטיש-פראגען. אלע ח"ח ווערן געבעטען צו קומען. קיין ספ. איינלאדונגען ווערן נישט געשיקט



Dr. med.

## M. Lerner

ספעציאליסט פאר קינדער-קראנקהייטען

## זאכאדניא 64, טעל. 113-09

131 — נעמט אן פון 3 – 5 נאכמ.



## קויפט נור ביי דער ערשטער האנד!

## יין כשר וטוב!

פון דער אלטער בעוואוסטער פירמע

## „בארוין"

אינה.: מענדעל בארנשטיין, לאדז

נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58

גרויסער אויסוואהל פון וויינען, ליקערן און בראנפען'ס.

בילליגע פרייזען. — סאלידע בעהאנדלונג.

## דער נייער וועקסעל־שטעמפעל



אָט אַ דאָס איז דער נייער שטעמפעל, וואָס וועט געשטעלט ווערען אויף וועקסלען אין יאָהר 1932.

## אַ קלוגע עצה פון אַ דאָקטאָר

### כמעט ווי אין דער האָכע־כאריך

חולה: וואָס טוט מען, הער דאָקטאָר, אַז איך שלאָף שנאָרך איך אַזוי שטאַרק, אַז איך אַליין וועק מיך איבער.

דאָקטאָר: לייגט איך שלאָפען אין צווייטען צימער.

—=:[o]:=—

## ניי לאָדזער הייך־מאַטעריאַל

פרוי הויזענציג, זי האָבען זיך אָנגעגרייט קוילען אויף ווינטער?

מיין מאַן איז דאָך אַ סוחר.

נו, איז וואָס?

הייצען מיר מיט די פּראָטעסטען.

## אַ קנאַפּע פרייד פאַר אַן אָרימאַן

פרוי (צום מאַן אַן אַרבייטסלאָזען): דו ווייסט משה אַהרן, דוד'ל האָט בעקומען נאָך אַ ציינדעלע.

מאַן: כ'ווייס נישט צו וואָס?

## פערשטענדליך

אויף וועלכען גרונד האָט מען אייך געגעבען אַן אָרלויבניש צו טראָגען געוועהר, איהר האָט אַ סך שונאים?

— איך בין דאָך אַ שאָצער אין די שאַצונגס־קאָמיסיע...

## אַן אָרפינדער

וואָס איז ער דער נייער לאָקאַטאָר דייער? ער איז אַן אָרפינדער.

וואָס האָט ער עס אַזעלכעס ערפינדען? אויסגעצייכענטע תירוצים, ווי אַזוי נישט צו צאָהלען דירה־געלד.

—=:§:=—

## היינטיגע ווייבער

מיין ווייב איז אַזוי ווי אַ נאַכט־טראַמוואַי: זי בעהט אייביג אין גאַס אַריין 11 ביינאַכט און קומט אַהיים פאַרטאָג.

## וואס זאגט וויטאס?

ווינצענטי־וויטאָס זאָגט אַזוי:

אויב איך וועל בעפרייט ווערען, וועל איך ענדערען מיין נאָמען אויף — ניעוווינצענטי.

## צוליב'ן קריזיס

### אפיציעלע בעק נטמאכונג

וואַרשאַ, (טעלעפאָניש צום „קונדס"). ווי איר ער קאָרעספּאָנדענט דערוואוסט זיך, איז אויף אַ פערזאַמלונג פון די וואַרשאווער צייטונגס־פער־לאַגען אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס, אַז צוליב'ן קריזיס, זאָלען אַלע וואַרשאווער צייטונגען געדרוקט ווערען אויף איין בויגען פּאַפּיר.

## אָט אזוי



זעהט אויס אַ שילער נאָך 2 וואָכען וואַקאַצ ע.

## אז ס'איז אויפגעלעגט אַנ'אומגליק...

### פון די לאָדזער געשעפטען

אַ היגער סוחר מענדעל ד. האָט אָנגעזאָגט די אָנגעשטעלטע, אַז אויב גליקסמאַן וועט קלינגען צו איהם, זאָלען זיי ענטפערען, אַז ער איז געשעפט־ליך אין קראקא.

גליקסמאַן קלינגט, ענטפערט איהם דער בוכ־האַלטער: דער שעף איז אין קראקא.

מיט אַ שעה שפּעטער טרעפט גליקסמאַן דעם ה' מענדעל, בעגריסט ער זיך מיט איהם: א. שלום עליכם, ר' מענדעל, וואָס טוט איהר דאָ אין קראקא?

## אז אַ יוד האַקט שויבען!

### אַ שמועס צווישען צוויי בטלנים

האָסט געהערט, בעת'ן לעצטען טראַמוואַי־שטרייק אין וואַרשאַ, האָט אַ יוד אויסגעהאַקט די שויבען פון אַ טראַמוואַי — ס'האָט געמוזט זיין אַ ציציליסט, רחמנא לצלן.

געה שוין געה, ס'איז אַוודאי געווען אַ גלעזער...

## איך לאַך...

אַן אַלטער יוד איז געקומען צום דאָקטאָר פרעגען אויף זיין שוואַכקייט

— שרעק זיך נישט אַלטער, מיט אַזאַ שוואַכ־קייט קאָן מען דערלעבען ביז זיבציג יאָהר,

האָט זיך דער אַלטער פונאַנדערגעלאַכט,

— וואָס לאַכסטו? — האָט איהם דער דאָקטאָר געפרעגט —

— איך לאַך פון דיין דאָקטאָריע,

— וואָס איז?

— איך בין דאָך שוין פינף און זיבציג יאָהר אַלט

## אַלע ווייסען

אַ אָרימאַן איז אַריין צו אַ נגיד נאָך אַ נדבה דערלאַנגט איהם דער נגיד שלום־עליכם זאָגט דער אָרימאַן:

דאַרפסט מיר נישט געבען שלום, ווייל איך בין אַ היגער,

אויב דו ביזט אַ היגער — האָט געענטפערט דער נגיד וואונדערט מיר טאקע וואָס דו ביזט בכלל געקומען צו מיר, ווייל אַלע אין שטאָט ווייסען אַז איך גיב קיין צדקה נישט...

## בינא פראַטעסטירט פאַר'ן פעלקערבונד




אמאל איז געווען אַ מעשה... די מעשה האָט שוין אַ באָרד...

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 7 — פרייטאג, דעם 8 יאַנואַר 932

## דער נייעסטער לאדזער „קבלת־פנים"




אט א דאס בעקומט מען היינט אין לאדז, אז מ'געהט איינמאהנען פאַר אַ וועקסעל...



אויבען רעכטס: ריזיגע שרפה פון אַ האָטעל אין קאַר־נאַוואַל (ענגלאַנד) די שרפה האָט אויסגעבראָכען בייניאַכט און די געסט האָבען קוים בעוויזען צו ראַטעווען דאָס לעבען.



אינדערזייט רעכטס: מאַנדזשוריען זאָל ווערען זעלבסטשטענדיג. גענעראַל טשאַנגטשונהאַי האָט פּראָקלאַמירט די זעלבסטשטענדיגקייט פון מאַנ־דזשוריען.



דער פּאַריזער באָטשאַפטער פון די פעראייניגטע שטאַטען וואַלטער הערדזש, איז אָנגעקומען קיין בערלין, זיין בעזוך שרייבט מען צו אַ גרויסע פּאָליטישע בעדייטונג



אינדערזייט רעכטס: די יונגסטע בירגער פון יאָהר. קינדער, וואָס זענען געבוירען געוואָרען אין דער ניי־יאָהר נאַכט אין אַ בערלינער קליניק.



די קאָנפערענץ־געביידע און דער קאָנפערענץ־זאַל אין לאַזאַן (שווייץ) וואו עס זאָל אין דער צווייטער העלפט פון דעם חודש פאָרקומען די קאָנפערענץ וועגען די דייטשע ענטשעדיגונגען.



אונטען: שווערע פערפלייצונג פון טייך מיסיסיפּי. אויפנאַהמע פון אַן אַעראָפּלאַן פון די פערפלייצטע געגענדען.





אויבען לינקס: די שווערע גרובען־קאַטאַסטראָפע אין בויטען. אַ בילד פון די שלעזישע קויהלען־גרובע וואו ס'איז פאָרגעקומען די קאַטאַסטראָפע.



אינדערזייט לינקס: סענאַטאָר פרעד ביטע פון אַמעריקע האָט געהאַלטען אַ סענסאַציאָנעלע רעדע אין וועלכער ער האָט געפאָדערט די רעוויזיע פון ווערסאַילער טראַקטאַט.



פראַנצויזישער וויצע־מיניסטער בערטעלאָ איז געפאָהרען קיין לאָנדאָן, כדי צוצוגרייטען די בעגעגעניש צווישען מאַק דאָנאַלד'ן און לאַוואַל'ן.



אינדערזייט לינקס: בלינדע וועלען קאָנען לייענען געוועהנליכע דרוק־שריפט. דער פראַנצויזישער ערפינדער טאָמאַ האָט ערפונדען אַן אַפּאַראַט, וואָס בעשטראַלט די געדרוקטע אותיות אַזוי אַז זיי בעקומען אַ רעליעפע פאָרם, און אַ בלינדער וועט זיי קאָנען אונטערשיידען דורך אָנריהרען מיט די פינגער.





געשטאָרבען דער גענעראַל מיט דער „אײַזערנער האַנד“. אין פּאַריז איז געשטאָרבען אין עלטער פון 83 יאָהר דער גען. פּאָל פּאָ. ער האָט אין פראַנצויזיש־פּרייסישען קריג פערלוירען אַ האַנד, וועלכער איז איהם פערביטען געוואָרען דורך אַן אייזער נעם האָקען און דערפאַר איז ער געווען בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען „דער גענעראַל מיט דער אײַזערנער האַנד“.

אויבען רעכטס: שווערע קאַטאַסטראָפעס אויפ׳ן ים צוליב די שטורמען. אַ בילד אין האַפען ביים ברעג פון ענגלאַנד.



אינדערמיט לינקס: ווי בעקאַנט איז די ביי־יאָהר רעדע אין ראַדיאָ איבערגעריסען געוואָרען דורך אַ ראַדיאָ־רעדע פון אַ קאָמוניסטישען איגהאַלט. דאָס בילד ווייזט דאָס אָרט, וואו עס איז געשטערט געוואָרען דער קאַבעל פון דער ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס דאָס האָט געגעבען די מעגליכקייט איבער־צורייסען די רעדע פון פּרעזידענט הינדענבורג

אונטען רעכטס: שווערע אונרוהען אין דמשק. די אונרוהען ווערען דורך דער פראַנצויזישער מאַכט דערשטיקט מיט דער הילף פון טאַנקען.





מוראַ׳דיגע שׂרפה אין באַד זאַל ציג (אַ קוראָרט אויפ׳ן רהיין).



אויפ׳ן אָרט פון שפּאַנישען באָטשאַפטער אין בערלין פּראָפעסאָר קאַסטראָ (לינקס) זאָל בעשטימט ווערען דער פּראָפעסאָר אַלבאָראַנצאָ, (רעכטס).



דאָס „אינטערנייִשאַנעל האַוז“ אין טשיקאַגאָ אַ ריזיגער קאָמפּלעקס געביידעס איז אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר די בעדערפטיגע פון די טויזענדער אויסלענדישע סטודענטען, וואָס שטודירען אין דער שטאָט.



געפונען די סיבה פון קינדער־פּאַראַליזש. פּראָפעסאָר פרעדעריק עפּערסאָן פון סאַן פראַנציסקאָ זאָל האָבען ענטדעקט דעם באַציל וואָס רופט אַרויס די קראַנקהייט פון פּאַראַליזש ביי קינדער.





אויבען לינקס: די וועלט־בעריהמטע לאָנדאָנער אָפּערע זאָל געשלאָסען ווערען צוליב די שלעכטע געשעפטען.

אינדערמיט רעכטס: די בעריהמטע פרויען־טורמע סען לאַזאַר אין פּאַריז, וואָס איז פיל בעשריבען געוואָרען אין די ראָמאַנען פון וויקטאָר הוגאָ, זאָלאַ און מאָפּאַסאַן, זאָל אינגאַנצען ליקווידירט ווערען.

אונטען לינקס: שווערע פאָלגען פון ווירטשאַפטליכען קריזיס, העכער טויזענד שיפען שטעהען אויפ׳ן רהיין אָהן אַרבייט.



